**די לבנה אין פֿענצטער**

מיין אויג
הענגט אין דרויסן ביי דער לבנה.
דער אָפּגלאַנץ פֿון זילבערנעביימער
לייגט זיך אין די טונקעלע ווינקלען
פֿון מיין יונג האַרץ.
כ׳שטיי אויף פֿון געלעגער: —
שיין איז די נאַכט,
שיין ווי אַ כלה,
וואָס האָט ליב דעם חתן;
וואָס האָט יאָרן-לאַנג
געוויינט און געוואַרט
און גייט צו דער חופּה
מיט ליכטיקע אויגן...
שטיל איז די נאַכט,
שטיל, ווי אַ מאַמע,
וואָס זיצט ביי דעם וויגל
און שמייכלט צום קינד
(עס הייבט שוין אָן שלאָפֿן)
און טרוימט נאָך דעם לידל,
וואָס זי האָט נישט דערזונגען...

עס גלוסט זיך מיר געבן
אַ פּראַל-אויף דאָס פֿענצטער:
״ווער עס האָט
בייטאָג געוויינט,
ווער עס רייסט
די האָר פֿון קאָפּ
און פֿרעגט זיך יעדע
האָר באַזונדער:
וואָס איז מיט מיר?
וואָס איז מיט מיר?
ווער עס איז אומגליקלעך
היינטיקע נאַכט, —
זאָל טריקענען זיין טרער
ביי דעם פֿונק פֿון מיין האַרץ
און מיט ייִנגערע אויגן
דערזען, ווי די שאָטנס
ביי אונדזערע טריט
צעגייען אין זילבער,
און זאָלן מיר אינאיינעם
אַוועקלייכטן ווייט,
וואו עס קומען-צונויף
די צעשוואומענע טעג,
און בעטן בציבור
פֿאַר אַ נייעם באַגינען״ ...

---

דער סנה (וואַרשע) , ערשטער נומער, 1920. ז.28